# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אחרי תשפ"ד שנה י | גליון מס' 531

בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

א שטילקייט האט געהערשט אויף די בית החיים אין די שטאט סעק אין רומעניע ווען מיר זענען אנגעקומען אהין יענעם אינדערפרי' אין ראם פון א באזוך וואס מיר האבן אפגעהאלטן יענעם צופרי'.

דער באזוך איז געווען א לאנגער קייט פון א באזוך נאכצוגיין דיווארצלען פון אונזער משפחה וועלכע שטאמט פון די שטאט. שטייענדיג געציילטע טעג איידער די דריי און ניינציגסטע יארצייט פון מיין זיידע נאכוועמען איך הייס רבי יעקב דוב מארמערשטיין זצ"ל וועלכע וועט אויספאלן דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת אחרי, האב איך געוואלט מתפלל זיין ביי זיין ציון.

איך האב זיך אוועקגעשטעלט פארענט פון די מצבה און אנגעהויבן לייענען די ווערטער וואס עס איז געשטאנען אויפגעשריבן אויף איר און פלוצלונג איז מיר אקעגנגעקומען א שרעקעדיגע איבערראשונג, די מצבה האט זיך געליינט ווי פאלגענד: "פה תידום עין יעקב, איש תם וישר צדיק תמים, ירא ה' כל ימיו, מו"ה יעקב דוב בן בילא, תלמיד מובהק להגאון מורינו הרב רבי יהודה אסאד. מת בימי זקנותו,
מספר ימיו צ"א שנים".



די מצבה פון רבי יעקב דוב מארמערשטיין זצ"ל אין די שטאט סעק אין רומעניע

זעענדיג די ווערטער "צ"א שנים"...! האט מיין קערפער אנגעהויבן טרייסלען.

פאר די ליבע ליינער וואס זענען מיט אונז יעדע וואך איז איבריג צו ערקלערן די באדייט וואס דער נומער צ"א מיינט ביי אונז, אז 'אמן' איז די גימטריא פון צ"א.

דער ווארט צ"א איז אויך די ראשי תיבות פון די ווערטער צ' אמן - די צאל פון אמנ'ס וואס א איד דארף ענטפערן יעדן טאג און די צוויי שפאנען אינאיינעם.

אבער מיין ערשיטערונג איז געוואקסן נאך גרעסער ליינענדיג א שורה דערויף, די דאטום ווען דער זיידע איז אוועק. אויך דא איז געווען א רמז פאר מיר בנוגע די מיסיע פון אמן'ס. עס שטעלט זיך ארויס אז דער זיידע איז אוועק כ"ו ניסן תרצ"א. אויך דא איז באהאלטן דער רמז פון צ"א און דאס איז שוין די צווייטע רמז און דאס איז מכוון קעגן מיין נאמען 'יעקב' ווייל 2 מאל יעקב איז אויך צ"א און דאס האט ער געוואלט ווייזן פאר דער וואס הייסט 'יעקב' איז דא צוויי רמזים.

מיר אידן ווייסן דעם אמת אז עס איז נישט קיין מקרה אויף די וועלט. עס איז נישט קיין צופאל אז די מצבה שרייבער האבן געשפירט פאר וויכטיג צו באטאנען די עלטער פון דעם נפטר אויפ'ן מצבה.
נאך אלעם וועט מען נישט איבעראל טרעפן אז מען זאל אויפשרייבן דער יארגאנג פון דעם נפטר און אז דא שטייט עס יא מוז זיין אז אויך דער זיידע איז געווען זייער נזהר אין ענטפערן אמן און אז זוכנדיג א וועג ווי אזוי מען קען עס מרמז זיין אין די מצבה האט מען עס אויסגענוצט.

אין יענע מינוטן האב איך אויך פארשטאנען פון וואו מיין חשובער טאטע הרה"ח רבי חיים בן ציון ז"לא זון פון דעם ר' יעקב דב האט געהאט אזא חרדת הקודש פאר אן אמן,

ער האט עס זיכער גענומען פון זיין טאטע רבי יעקב דוב זצ"ל ביי וועמען ער האט געהאדוועט און ער האט עס גע'ירשנ'ט פון זיין רבי הגה"ק רבי יהודה אסאד דער תלמיד פון דעם גאון ישראל רבי מרדכי באנעט וואס זיין זון רבי יעקב באנעט איז מעיד אויף אים די פאלגענדע אויף אים:
(תולדות רבי מרדכי [אופן תקצ"ב] עמ' יח):

## צדיק שומר אמונים

"מעולם היה... מן העשרה ראשונים, ושמע מכל אחד ואחד מבאי ביתו את ברכות השחר כדי לענות אמן אחריהם, ואחרי כן אמר הוא עצמו הברכות על הסדר בקול נעים ובכוונה, קודם שעמד השליח ציבור בתפילה".

נאך דעם וואס דער בילד איז געווען קלאר האב איך זיך א גערירטער אוועקגעשטעלט קעגן די קבר פון מיין זיידע און אנגעהויבן מתפלל זיין דארט בעטנדיג אז דער גרויסער זיידע וואס האט געהאלטן דעם אמן אזוי טייער זאל מיר העלפן אז די מסורה זאל זיך ווייטער ציען און איך זאל קענען ממשיך זיין מיט די פעולות פאר די אמן אויף די וועלט.

אבל זה לא היה הדבר היחיד שהבנתי באותו רגע.

די משנה אין מסכת קידושין (לט ב) זאגט: "כל העושה מצווה אחת מטיבים לו ומאריכים לו ימיו ושנותיו ונוחל את הארץ". דער ירושלמי (שם א ט) געט צו פארשטיין אז די משנה רעדט דארט פון איינער וואס האט מייחד געווען איין מצוה אין די וועלט און עס קיינמאל נישט עובר געווען און וועגן דעם איז ער זוכה אז ער באקומט פארדעם שכר אויף יענע וועלט און ער איז נוחל יענע וועלט.

דער נצי"ב (דברים ו א) איז מוסיף און זאגט אז ווער עס האט זיך מקבל געווען א זהירות יתירה אין איין נושא וועט נוחל זיין די מצוה, ווייל ער וועט זוכה זיין אז אויך זיינע קינדער וועלן אפהיטן איין מצוה בשלימות.

די ביידע זאכן איז מקויים געווארן ביים זיידן. אין זכות פון די קפידא אויף דער אמן וואס חז"ל (ברכות מז א) זאגן צו אז ווער עס איז מקפיד אויף דעם איז זוכה אז "מאריכים לו ימיו ושנותיו" האט דער זיידע רבי יעקב דוב זוכה געווען מאריך ימים צו זיין און געלעבט איין און ניינציג יאר אויף די וועלט וועלכע איז בימים ההם געווען פאררעכענט אלץ א זקנה מופלגת.

אבער עס איז אויך מקויים געווארן ביי אים דער צווייטער חלק אז עס איז אריבער ביי זיינע קינדער און ווי מיר פלעגן זען ביי מיין טאטע - אבי מורי רבי חיים בן ציון זצ"ל - און עס איז מקויים געווארן ביי אים די ווערטער פון דעם ירושלמי "ייחד לו מצווה זו ולא עבר עליה מימיו".

זאל די דאזיגע ווערטער זיין לזכרון ולעילוי נשמתו. די וואך שבת פאלט אויס זיין יארצייט און איך ווענד זיך פון דא צו די טייערע ליינער מיט א בקשה, אז איר זאלט גיין אין זיינע וועגן, נעמט אייך אונטער צו שעצן אן אמן, עס צו האלטן טייער, זייט מקפיד טעגליך אויף א חברותא פון אמן. עס איז א גרינגע מצוה און אז איר וועט מקפיד זיין אויף דעם וועט איר זוכה זיין אז עס וועט אריבערגיין צו אייערע קינדער און ווערן איבערגעפלאנצט ביי זיי אויף שפעטערדיגע דורות און איר וועט זוכה זיין אז די ברען פון אמונה און פון קדושה וועט אריבערגיין צו אייערע קינדער און ווערן איינגעווארצעלט אין זייערע הערצער אויף אייביג.

**מיט א קריאהפון "לדור ודור אודיע אמונתך בפי"**
**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א געשריי אין די טיפעניש פון ים —

ווען איר קוקט היינט אן ר' אהרן אייזנשטיין מיט זיין לאנגער בארד און הענגענדיגע פיאות גלייבט זיך שווערליך אז מיט צוואנציג יאר צוריק האט ער אויסגעזען אנדערש.

אין יענע יארן איז דער היינטיגער ר' אהרן געווען א פרייער איד. ארבעטנדיג מיט א גוטע שטעלע און פארדינענדיג שיין געלט האט ער אין די זייטיגע צייטן זיך אפגעגעבן מיט א זיין האבי' און דאס איז געווען ארומצושווימען אין די טיפע וואסערן און זיך באקענען מיט די וועלט פון אונטער'ן ים פלאך און די אויסטערלישע נפלאות הבורא וואס איז דא דארט.

אויך יענער טאג האט זיך ר' אהרן ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אינאיינעם מיט זיין חבר צו די ברעגעס פון טיראן וועלכע געפינט זיך אין די האלב אינדזל פון סיני און זיך געגרייט ארייננצוגיין צו די טיפעניש פון די וואסערן.

נישט אומזינסט האט ער אויסגעוועלט דעם ארט. פון אנדערע וואס האבן שוין באזוכט דעם ארט האט ער געהערט אז אין די אונטערשטע וואסערן ביי די טיראן ברעגעס איז דא הערליכע און אטעם פארכאפענדע פאנאראמעס וועלכע פארקערפערן אין זיך די שיינע וועלט, וואו מען קען סיי זען די שיינע וועלט און סיי מאכן בילדער פארענט



פון די ריזיגע שארקס און אנדערע קארעל פיש.

נאכ'ן אנפולן דער גאז באלאן און זיין זיכער אז עס איז דא אין איר גענוג אקסידזשען צו קענען בלייבן אונטן אין די וואסערן פאר א האלבע שעה האבן זיי אנגעהויבן אראפפארן צו די טיפע וואסערן און זיך ארומקוקן אין די וואסערן.

נאכ'ן כאפן א שפאציר ארום און ארום האבן זיי זיך אנגעהויבן גרייטן ארויפצופארן אויבן צו די אויבערשטע ברעגעס. דער זייגערל האט געוויזן אז עס איז נאך געבליבן אזויפיל ווי אכט מינוט צו קענען ארויפפארן אויבן און וועלענדיג אנקומען באצייטענס האט אהרן אינאיינעם מיט זיין חבר אנגעהויבן זייער רייזע אויף ארויף.

זייענדיג אונטערוועגנס צו די ים פלאך האט אהרן באמערקט ווי עס איז דא א זייטיגער וועג וואס פירט זיי אריין אין א שיינער און א טיפער שטיין. נאכ'ן אויסרעכענען אז ער האט נאך גענוג צייט אנצוקומען אויבן און אויך כאפן א שנעלע בליק אין דעם טונעל האט ער איבערגעלאזט זיין שותף און זיך געגעבן א כאפ אריין אין יענער חלק שטיין און עס באטראכט.

זייענדיג אינעווייניג האט ער זיך נישט גענוג אפוואונדערן פון די שיינקייט וואס ער האט געזען אין איר, די סצענעס זענען געווען הערליך און אויג פארכאפענד.

ווייסנדיג אז עס איז שפעט האט ער נישט געצעגערט און זיך געגרייט ארויסצוגיין פון די טונעל. מיט א שנעלקייט האט ער מארשירט צו די עפענונג פון די טונעל און געוואלט ארויסשווימען פון איר, אבער דא האט אים אפגעווארט א שרעקעדיגע איבערראשונג, ביים אריינגאנג צו די טונעל, וואו ער האט געדארפט ארויסגיין איז געלעגן אויסגעלייגט צו די ברייט פון די טונעל דער עלעקטערישער פערסישער פיש.

די עלעקטערישע פיש, ווי באקאנט, איז א פיש וואס איז פול מיט עלעקטריציטעט. עס איז דא אסאך סארטן פון די פיש אבער דער פערסישער פיש איז פון די שטערקסטע, זי האט אין זיך אזויפיל ווי 600 וואט עלעקטעריט.

בלויז אז מען רירט איר אן קען מען ווערן עלעקטעריזירט צום טויט אבער יעצט, ווען עס איז נאר געבליבן פאר אהרן געציילטע מינוטן אין זיין אקסידזשען זעקל און זיין וועג ארויס איז פארמאכט, האט ער אנגעהויבן ווערן באזארגט.

ווי די אידן וואס זענען געשטאנען ביים ים סוף אן קיין מעגליכקייט זיך צו רירן אהין אדער אהער איז אויך אהרן יעצט געשטאנען דא אונטער די ערד, אונטער די ים סוף, פארכאפט, נישט ווייסנדיג וואס ער קען יעצט טון.

די זייגער האט זיך גערוקט. עס איז בלויז פארבליבן פיר מינוט, אז ער זאל זיך קענען ארויסזען פון דעם פלאנטער.

די מחשבה אז ער גייט בלייבן דא געשטראנדט און אז מען וועט אפילו נישט טרעפן זיין קערפער וואו עס צו באגראבן האט אים דערציטערט. אין די מינוטן איז די איינציגסטע זאך וואס איז אים געבליבן געווען תפילה, ער האט געקענט מתפלל זיין צו הקב"ה אז ער זאל אים ארויסנעמען פון די פלאנטער.

אבער ווי אזוי' דאווענט מען? האט זיך אהרן געוואונדערט? אין יענע רגע האט ער זיך דערמאנט פון די איינציגסטע רעליגיעזע ווערטער וואס ער האט געזען און עס איז אים אריין אין קאפ און דאס איז געווען די ווערטער "שויתי ה' לנגדי תמיד".

מיט די געציילטע ווערטער האט ער זיך אמאל באגעגנט זייענדיג אין זיינע יונגע יארן אין א שול און באטראכט די עמוד.

פון טיפן הארצן האט ער געגעבן א געשריי: "שויתי ה' לנגדי תמיד!" און זיך געוואנדן צום רבוש"ע זאגנדיג אז איך ווייס אז דו ביסט דא מיט מיר, העלף מיר ארויסגיין פון די סכנה, איך גלייב אז דו קענסט מיר ארויסנעמען אין איין סעקונדע.

אהרן האט געדאווענט פון טיפן הארצן און אין יענע רגע האט דער וואונדער פאסירט, דער עלעקטערישער פיש האט זיך געגעבן א רוק אוועק פון זיין פלאץ און געעפענט דער דורכגאנג.

אין איילעניש האט אהרן זיך ארויסגעשטופט פון איר. צו זיין שרעק האט ער געזען אז אין זיין אקסידזשען באלאן איז בלויז געבליבן דרייסיג סעקונדעס, עס איז געווען ווייניג צייט עס צו קענען דורכמאכן ביז צו די העכערע ספערן פון די וואסער און איבער'חזרנ'דיג די ווערטער 'שויתי ה' האט ער אנגעהויבן ארויפשווימען צום וואסער פלאך.

מיטאמאל האט ער געזען ווי זיין חבר איז מיט אים, ער האט אים געוויזן אז זיין אקסידזשען גייט אויס צ' ער קען אים געבן, אבער זיין חבר האט אים צוריקגעוויזן אז אויך זיינס גייט אויס און מען מוז זיך רוקן צו די אויבערפלאך פון וואסער.

זייענדיג גוט טרענירט האבן זיי געוואוסט ווי אזוי צו באהאנדלן די סיטואציע אין א געניטער וועג. ווען זיי שווימען שטייט צו שפארן אויף די אטעם האבן זיי זיך גערוקט ביסלעכווייז ביז ווען זיי זענען אנגעקומען אויבן.

זיי האבן עס געמאכט. נאר ווען זיי זענען אנגעקומען אויבן האבן זיי זיך ערלויבט אויסצוטון די קליידער און באפרייען זייערע געפילן.

מיט טרערן אין די אויגן האט אהרן געדאנקט הקב"ה פאר די נס.

געציילטע מינוטן איז אהרן געווען אונטער'ן וואסער אבער די געציילטע מינוטן איז געווען גענוג אז ער זאל זיך אנפולן מיט אמונה. פון דעמאלטס און ווייטער האט ער געטוישט זיין לעבן אויף אייביג און איז געווארן א פרומער איד און אנגעהויבן פירן אן ערליכער לעבן געדעקענדיג אויף אייביג דער 'שויתי ה'.

# פניני אמונים

## פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### מען מאהנט דעם צדיק אז ער היט נישט אויפ'ן דור

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ"** (טז א)

חז"ל זאגן (ויק"ר י ה) אז ביי די מעשה העגל איז נגזר געווארן מיתה אויף אלע פיר קינדער פון אהרן הכהן נאר משה רבינו האט מתפלל געווען אויף זיי, די תפילה האט געהאלפן האלב ווייל תפילה עושה מחצה און עס האט געראטעוועט נאר די צוויי קינדער את אלעזר ואיתמר.

רבי **חיים וויטאל** שרייבט אז טראץ וואס מיר ווייסן אז תפילה עושה מחצה דאך האט משה רבינו נישט געדארפט מאכן דעם חשבון, ער האט געדארפט מתפלל זיין נאך א תפילה און ווייל ער האט עס נישט געטון איז געווען א טענה אויף אים וועגן דעם הייבט דא אן דער פסוק מיט'ן לשון "וידבר" וואס איז א לשון קשה (מכות יא א).

אלץ א ראיה אז דער צדיק האט אן אחריות פאר זיין דור ברענגט דארט רבי חיים וויטאל אראפ נאך א מעשה פון די גמרא אז ווען א איד איז נפטר געווארן בשכינות פון רבי יהושע בן לוי האט אליהו הנביא נישט גערעדט מיט אים דריי טעג, ווייל מען האט געהאט א טענה אויף אים אז ער האט געדארפט מתפלל זיין אויף אים.

'עץ הדעת טוב'

### די תפילה פון א צדיק איז מגין אויף א איד

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ"** (טז א)

ד וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די עבודה פון יום כיפור. שוין גלייך ביים אנהייב דערמאנט די תורה הק' די מיתה פון די בני אהרן. חז"ל (ירושלמי יומא א א) לערנען ארויס פון די סמיכות אז אזוי ווי יום כיפור איז מכפר אויף כלל ישראל איז אויך מיתת צדיקים מכפר אויפ'ן כלל ישראל.

דער שוראנער רב **רבי חזקיה פייבל פלויט** זאגט אז עס איז דא א תנאי בדבר. אזוי ווי יום כיפור איז מכפר נאר די וואס טוען תשובה איז אויך מיתת צדיקים מכפר נאר פאר די וואס טוען תשובה ווי חז"ל זאגן (סנהדרין לז א) אז נאך די פטירה פון זירא האבן די בריונים וואס האבן געוואוינט אין זיין שכונה געזאגט אז ביז יעצט ווען מיר האבן געזינדיגט האט רבי זירא געבעטן פאר אונז און מיר זענען נישט געווארן באשטראפט אבער יעצט אז ער איז מער נישט דא ווער וועט בעטן רחמים פאר אונז און זיי האבן גלייך תשובה געטון.

'ליקוטי חבר בן חיים' ח"ב עמ' פח

### די 'בגדי הלבן' דערמאנט די גשמיות'דיגע וועלט

**"כְּתֹנֶת בַּד קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי בַד יִהְיוּ עַל בְּשָׂרוֹ וּבְאַבְנֵט בַּד יַחְגֹּר וּבְמִצְנֶפֶת בַּד יִצְנֹף בִּגְדֵי קֹדֶשׁ הֵם וְרָחַץ בַּמַּיִם אֶת בְּשָׂרוֹ וּלְבֵשָׁם"** (טז ד)

פון די ווערטער אין די משנה במסכת יומא (לד ב) זעט מען אז די ווייסע קליידער וואס דער כהן גדול האט געטראגן יום כיפור איז געווען געמאכט פון א טייערע לייווענט.

דער אלכסנדר רבי דער בעל ה'**עקדת יצחק**' מאלכסנדר שמועסט אויס אז וועגן דעם האט מען געמאכט די בגדי לבן פון א טייערע סחורה, ווייל ווען דער כהן גדול האט געמאכט די עבודה יום כיפור איז ער געווען אויסגעטון פון די וועלט און פארגעסן פון די גשמיות'דיגע צרכים און וועלנדיג אים דערמאנען פון דעם אז ער זאל בעטן פאר גשמיות, האט מען אים אנגעטון די בגדים אז דורך די טייערע בגדים זאל ער זיך דערמאנען פון די עולם הזה.

'עקידת יצחק' יום הכיפורים

### די תורה ומצוות פון א איד איז זיין לעבן

**"וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם אֲנִי ה'"** (יח ה)

זאגט דער 'חידושי הרי"מ':

א איד דארף לעבן אין א וועג אז ער זאל שפירן ביי זיך אז די תורה ומצוות אויף די וועלט איז זיין גאנצער חיות אויף די וועלט און נישט עפעס אנדערש ווי מען זאגט ביי מעריב: "כי הם חיינו ואורך ימינו".

עס קען זיין אז ווייל דאס דארף זיין דער עיקר חיות פון א איד האט מען אויסגעשטעלט אזוי אז יעדן טאג נאך דעם וואס מען מאכט די ברכת התורה זאל מען זאגן די ברכה פון 'אלוקי נשמה' צו ווייזן אז דער לעבן אויף וואס מיר דאנקען איז איבער דער לעבן פון תורה.

'שיח שרפי קודש' ח"ג אות נז

# תענה אמונים

## פערל ווערטער אויף די תפילה

### בכל דור ישנו משיח הלומד עם תשב"ר

**"אַל תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי וּבִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ"**

לויט דער פשוטער פשט פון דער פסוק מיינט די ווערטער 'משיחי' די געזאלבטע און דא רעדט דער פסוק פון די אבות הק' אברהם יצחק ויעקב.

דער פסוק זאגט אן אז מען זאל נישט צורירן צו די געזאלבטע, די אבות הק'.

דער רד"ק (דה"י-א' טז כב) זאגט אז וועגן דעם ווערן די אבות באטיטול'ט מיט'ן טיטול פון "משיחי" ווייל זיי זענען חשוב און מכובד ווי די מלכים וואס ווערן געזאבלט מיט אויל. חז"ל דרש'נען אז (שבת קיט ב) "משיחי" גייט ארויף אויף די קליינע קינדער, די תינוקות של בית רבן און דער פסוק ווארענט אן אז מען זאל נישט צורירן צו זיי ווייל אויף זייער הבל פיהם שטייט די וועלט.

פארוואס ווערן די קינדער אנגערופן מיט'ן לשון "משיחי"? רש"י זאגט (שם ד"ה במשיחי) אז זיי הייסן אזוי ווייל מען פלעגט זיי זאלבן מיט שמן. נאך א פשט ווערט געברענגט בשם רבי יאשיהו פינטו אין די פירוש הרי"ף אויפ'ן 'עין יעקב' (שם) אז זיי הייסן אזוי מלשון "שיח שפתיים" ווייל זיי פארשטיין נישט אייביג וואס זיי לערנען און אסאך מאל האבן זיי נאר די 'שיח שפתיים' און 'משיחי' איז מלשון 'שפתיים'.

מען דערציילט אז אמאל זענען די איינוואוינער פון די שטאט בריסק ארויפגעקומען צו דעם רב פון די שטאט און געזאגט אז מען דארף מאכן ענדערונגען אין דער סדר הלימוד וואס מען האט געלערנט אין די בריסקער חדר.

ווען דער בריסקער רב האט געהערט וואס די רעדע איז האט ער זיי געזאגט ווי פאלגענד:

די קדמונים זענען מגלה אז אין יעדער דור ווערט געבוירן איין איד וואס איז ווערד צו זיין משיח. אויב די דור איז זוכה ווערט ער נתגלה, אויב נישט בלייבט ער באהאלטן. לויט דעם קומט אויס אז ערגעצוואו אין איינער פון די תלמיד תורה איבער די וועלט דריידט זיך ארום א קליינער משיח און אויב מען וועט נאכקומען די פאדערונגען וואס איר פאדערט וועט דער משיח נישט קענען לערנען און וועגן דעם בין איך זיך מתנגד צו אייערע פלענער.

בדרך צחות האט הגר"ח צוגעלייגט אז עס קען זיין אז וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט אז תינוקות של בית רבן ווערן אנגערופן "משיחי": ווייל אין יעדער דור איז דא צווישן די קינדער איין קינד וואס איז ראוי צו זיין משיח און דער פסוק ווארענט אן "אל תגעו במשיחי" - אז מען זאל נישט אנרירן די דרך החינוך פון די ילדי התשב"ר אז דער משיח זאל קענען וואקסן ווי עס דארף צו זיין. ('הרב מבריסק' ח"א עמ' 239).

## דער בעל 'ווי העמודים' כ"ח ניסן ת"כ

דער צדיק רבי שבתי שעפטיל הלוי הורוביץ איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי ישעיה הלוי - דער הייליגער של"ה הק'. אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי זיין גרויסן טאטן און אויך ביים בעל כלי יקר זי"ע, וועלכע האבן יענע יארן געוואוינט אין די שטאט פראג.

אין יאר שפ"ב, איז זיין טאטע ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין די שטאט טבריה. אין יענער צייט האט רבי שעפטיל אנגענומען זיין ערשטע פאסטן און איז געקרוינט געווארן אלץ דער מורה צדק ומגיד מישרים אין די פראגער קהילה. עטליכע יאר שפעטער, אין יאר שפ"ח, איז ער נתמנה געווארן אלץ די רב פון די שטאט פיורדא. שפעטער איז ער באשטימט געווארן אלץ רב פון דער עיר ואם בישראל פראנקפורט און אין יאר ת"ג איז ער געווארן דער רב פון די שטאט פוזנא.

אין יעדן ארט וואו ער איז אנגעקומען האט ער אויפגעשטעלט א ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר די תלמידים.

נאך די ביטערע צרות פון ת"ח ות"ט איז ליידער געבליבן אסאך עגונות ביים כלל ישראל. אין יענער צייט האט זיך דער צדיק אוועקגעגעבן פאר'ן כלל ישראל און עוסק געווען אין התרת עגונות, צו טרעפן א היתר פאר די פרויען אז זיי זאלן קענען פריי ווערן פון די עיגון.

די שווערע אומשטענדן האט אויך גורם געווען אז רבי שעפטיל זאל מוז'ן אנטלויפן פון די שטאט פוזנא און זיך באזעצן אין די שטאט וויען. אין יאר תי"ד איז ער געווארן אויפגענומען אלץ דער רב פון וויען.

רבי שעפטיל האט מחבר געווען א מוסר ספר וואס געט זיך אפ מיט'ן ארומרעדן איבער די ששה עמודי עולם וואס ווערט אויסגערעכנט אין פרקי אבות (א ב; א ח): תורה, עבודה, גמילות חסדים, אמת, דין ושלום, דער ספר האט ער א נאמען געגעבן 'ווי העמודים' על שם די זעקס עמודים אויף וואס דער ספר בויט זיך.

דער ספר האט אריינגעלייגט אין די ספר פון זיין טאטע 'שני לוחות הברית'.

אויסערדעם איז דא פון אים אסאך שו"ת און געשריבענע חידושים אויף סוגיות הש"ס אבער זיי זענען געבליבן בכתב יד, זיי זענען נישט געדרוקט געווארן.

אין כ"ח ניסן אין יאר ת"כ איז רבי שעפטיל נסתלק געווארן לבית עולמו, מען האט אים געלייגט אין דער אלטער בית החיים פון די שטאט וויען וועלכע געפינט זיך אין די רוסאו געגענט אין וויען.

### דער וואס איז מזלזל אין ענטפערן ביי חזרת הש"ץ ווערט זיין תפילה נישט געהערט

אין ספר "ווי העמודים" (עמוד העבודה פ"י אות לד) שרייבט רבי שבתי שעפטיל הורוביץ אז ווער עס זאגט תפילות און תחנונים אין די צייט פון חזרת הש"ץ אנשטאט אויסצוהערן די ברכות וואס דער בעל תפילה זאגט צו ענטפערן אויף זיי אמן זאל ער וויסן אז איסער וואס די תפילות ווערן נישט נתקבל ווערט אויך די אנדערע תפילות וואס ער האט מתפלל געווען נישט נתקבל ווערן!

מיר ברענגען דא ארויס זיין הייליגער לשון:

"גם בזה אני רגיל למחות, לאותם אנשים המתפללים תחינות ובקשות בעת שהשליח ציבור חוזר ומתפלל תפלת שמונה עשרה, כי בוודאי מה שבקשו לא ניתן להם, ומה שבידם ניטלה מהם. רצוני לומר, כי המוסכם מכל הפוסקים, שכששליח ציבור חוזר ומתפלל שמונה עשרה, יש לקהל לשתוק ולענות אמן, ולכוון לברכות שמברך החזן, ומי שאינו נזהר בזה מה שבידו ניטלה הימנו ומה שביקש בשאר תחינות לא ניתן לו, כי בא זה ואיבד את זה."

### א תפילה הבאה בעבירה

די ווערטער פון דער בעל "ווי העמודים" זענען זייער שארפע ווערטער און מען דארף עס פארשטיין. פארוואס טאקע זאל די עונש פון איינער וואס זאגט תפילות ביי די הויכע שמונה עשרה זיין אזוי הארב? מען קען פארשטיין פארוואס די תפילות וואס ער דאווענט ביי די הויכע שמונה עשרה זאל נישט נתקבל ווערן ווייל עס איז א מצוה הבאה בעבירה ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'ארחות' יושר' (ערך תפילה, קצת דיני תפילה אות כח): "אסור לדבר בשעת חזרת הש"ץ ואפילו לומר תחנונים או ללמוד (שו"ע או"ח קכד ז). והלומד או קורא הפרשה בשעת חזרת הש"ץ וקדיש, לא די שלא יקבל שכר רק יקבל עונש על כך... ותורה כזו לא תצליח (ראה במ"ר כב ז)... ואפשר דאפילו דיעבד לא יצא ידי 'שנים מקרא' דהוי מצוה הבאה בעבירה".

אבער פארוואס זאל דאס משפיע זיין אויך אויף די אנדערע תפילות וואס ער האט שוין געדאווענט פריער?



**א בילד פון דער פיש מצבה וואס מען קען זען אין דער אלטער בית החיים פון די שטאט וויען, די מצבה געפינט זיך נישט ווייט פון דער קבר פון רבי שבתי שעפטיל הורוביץ דער בעל 'ווי העמודים'.**

מערערע לעגענדעס איז פארהאן איבער די פיש מצבה, איין אנגענומענע גירסא איז אז אין ערב שבת האט אן איינוואוינער פון די שטאט וויען זיך איינגעקויפט א פיש אויף שבת. גרייטנדיג עס צו קאכן האט ער געוואלט הרג'ענען די פיש. אויפהייבנדיג די האק העכער'ן פיש אפצוהאקן די קאפ פון די פיש, האט דער פיש מיטאמאל געעפענט זיין מויל און א געשריי געגעבן: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". ווען דער איד האט געזען וואס איז דא געשען איז ער אריבער צו רבי שעפטיל דער רב פון די שטאט און אים געפרעגט וואס ער זאל טון מיט דעם פיש. דער רב האט געהייסן ער זאל באגראבן די פיש. דער איד האט טאקע אזוי געטון און העכער די באגראבענע פיש האט ער אויפגעשטעלט א מצבה מיט א מזכרת נצח פאר דעם פיש. ('אדיר במרום' עמ' שנח).